**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט געשטיגענע פּאטראָלס אום ׳סט. פּעטריק׳ס דעי׳ קעגן פארמינדערטע דרייוו׳ען**

***אינפארסירונג קאמפיין צו לויפן פון מערץ 16 ביז מערץ 20***

***איבער 47,000 אויטא און טראפיק געזעץ פארלעצונג טיקעטס ארויסגעגעבן דורכאויס פאראיעריגע קאמפיין***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז סטעיט און ארטיגע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן לענגאויס ניו יארק וועלן שטעלן מער פּאטראָלס צו צילן פארמינדערטע דרייוו׳ען לענגאויס בעפאר, במשך און נאך ׳סט. פּעטריקס דעי׳. דער אינפארסירונג קאמפיין וועט לויפן פון מיטוואך, מערץ 16, 2022, ביז זונטאג, מערץ 20, 2022. דער זיכערהייט איניציאטיוו איז געאייגנט צו רעדוצירן אלקאהאל און דראָג פארבינדענע טראפיק צוזאמשטויסונגען און ראטעווען לעבנס. עס ווערט ספּאנסירט דורך STOP-DWI מיט פינאנצירונג פון די גאווערנער׳ס טראפיק סעיפטי קאמיטע (GTSC).

״מיר האבן אלע ליב זיך צו פרייען אום ׳סט. פּעטריקס דעי׳ מיט פאמיליע און פריינט, און דערביבער מאכט זיכער אז איר פריידט זיך זיכערערהייט דאס יאר,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך מוטיג אלע ניו יארקער צו פלאנירן א זיכערע וועג אהיים, כדי צו קענען זיך פרייען מיט פארגעניגן אן דאס שטעלן אין געפאר זיך און אנדערע.״

אין לויף פון דעם 2021 קאמפיין, האט געזעץ אינפארסירונג לענגאויס דעם סטעיט ארויסגעגעבן 47,349 טיקעטס פאר וויהיקל און טראפיק געזעץ פארלעצונגען, אריינגערעכנט 1,403 ארעסטן פאר DWI. פולקאמע צוטיילונג ווי פאלגענד:

| פארלעצונג | צאל טיקעטס |
|---|---|
| אומפעאיגע דרייוו׳ען | 1,403 |
| אומפארזיכטיגע דרייוון | 610 |
| ׳מוּוו אָוועך׳ געזעץ | 280 |
| אנדערע פארלעצונגען | 33,349 |
| סיטבעלט | 1,298 |

| | |
|---|---|
| ספּיעדינג | 10,409 |
| **אלעס צוזאמען** | **47,349** |

**DMV קאמישענער און GTSC טשערמאן מארק דזשעי. עף. שראודער האט געזאגט,** ״״סט. פּעטריקס דעי׳ פייערונגען דארפן זיין לוסטיג און פריילין. לאזט עס נישט רואינירט ווערן דורך מאכן דעם אומ׳אחריות׳דיגן באשלוס צו דרייוו׳ען אנגעטרונקען. אנגעטרונקענע דרייוו׳ען שטעלט אייך און אלע ארום אייך אויפ׳ן ראוד אין געפאר. שטענדיג דארפט איר האבן א פלאן אנצוקומען אהיים זיכערערהייט.״

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** ״די סטעיט פאליציי מוטיגט יעדן איינעם צו האבן א פלאן דעם ׳סט. פּעטריקס דעי׳. עס איז נישט קיין שום חסרון זיך צו פרייען ווילאנג איר טוט דאס מיט אחריות. אויב איר טרונקט, זעצט זיך נישט הינטער׳ן רעדל — פלאנירט פון פאראויס און ערלעדיגט א זיכערע וועג אהיים. עס איז פשוט נישט דא קיין שום תירוץ זיך צו זעצן הינטערן רעדל אויב איר זענט אנגעטרונקען. איין טאג זיך פרייען קען גיך איבערגעקערט ווערן אויף א טראגעדיע צוליב אנגעטרונקענע דרייוו׳ען.״

**הויפט פון איליאן פאליציי דעפארטמענט און פרעזידענט פון דער ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פון פאליציי הויפטן טימאטי פאריסי האט געזאגט,** ״פאליציי הויפטן לענגאויס דעם סטעיט דערמאנען מאטאריסטן צו פלאנירן פון פאראויס צו ניצן אנדערע טראנספארטאציע מיטלען אויב דאס טרונקען אלקאהאלישע געטראנקען וועלן זיין א טייל פון אייער פרייען זיך אום ׳סט. פּעטריקס דעי׳. שלעכטע באשלוסן קענען פאראורזאכן טראגישע תוצאות! העלפט אונז האלטן זיכער אונזערע שאסייען, און דרייוו׳ט ניכטערערהייט.״

**ליווינגסטאן קאונטי שעריף און פרעזידענט פון דער ניו יארק סטעיט שעריף׳ס אסאסיעשען טאמאס דאוערטי האט געזאגט,** ״אויב איר דרייוו׳ט אנגעטרונקענערהייט וועט דאס איירישער גליק אייך נישט העלפן.  די שעריפס פון ניו יארק סטעיט ווילן איר זאלט זיך פרייען אום ׳סט. פּעטריקס דעי׳ און דער אומקער פון גוטע וועטער אבער טוט עס מיט א פלאן נישט צו דרייוו׳ען אנגעטרונקענערהייט.  דעפּיוטיס וועלן זיין גרייט אוועקצופירן דרייווערס פון דעם ראוד און האלטן זיכער אלע רייזנדע.״

דער STOP-DWI פראגראם איז א גרויסע שטאנדטייל פון ניו יארק׳ס באמיאונגען צו באקעמפן אנגעטרונקענע דרייוו׳ען. STOP-DWI איז טייטש ״ספעציעלע טראפיק אפציעס פראגראם פאר דרייוו׳ען פאר׳שיכור׳ט.״ די פראגראם׳ס באמיאונגען זענען פינאנצירט פון די שטראף-אפצאל סומעס געצאלט דורך אומפעאיגע דרייווערס וועלכע ווערן געפונען שולדיג. וויכטיג צו באטאנען אז דער פראגראם׳ס קאארדינאטארן באשטייען פון פארשידנמיניגע פראפעסיאנעל הינטערגרונדן, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסירער און נישט-געזעץ אינפארסירער.

אונטער די GTSC אויפזיכט, איז געשאפן געווארן דער STOP-DWI פראגראם צו באפולמעכטיגן קאונטיס צו קאארדינירן ארטיגע באמיאונגען צו רעדוצירן אלקאהאל און אנדערע דראַג-פארבינדענע טראפיק צוזאמשטויסונגען. אלע 62 קאונטיס האבן אויסגעוועהלט אנטיילצונעמען. געוויסע ביישפילן פון פראגראמען פינאנצירט דורך STOP-DWI אנטהאלטן ספעציעל טרעניערטע פאליציי איינהייטן געאייגנט פאר DWI אינפארסירונג, אויפנעמען ספעציעלע פראקורירער און פראבעישען באאמטע צו באהאנדלען די קעיסלאוד, האלטן אן אויג אויף איגנישען אינטערלאַק אויסריכטונגען, שטיצן רעהאביליטירונג סערוויסעס, און אנטוויקלען פובליק אינפארמאציע און בילדונגס קאמפיינען געאייגנט פאר קאמיוניטיס

אינערהאלב יעדע פון זייערע באזונדערע ראיאנען. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט http://www.stopdwi.org/.

אין צוגאב צו STOP-DWI, שטיצט דער GTSC טרענירונג פאר דראָג אנערקענונג עקספערטן (DRE). DRE׳ס זענען ספעציעל טרענירטע אפיצירן אויסגעניצט דורך געזעץ אינפארסירער ווען א דרייווער זעט אויס צו זיין אומפעאיג, אבער פאליציי האבן אויסגעשלאסן אלקאהאל אלס דער הויפט אורזאך פון אומפעאיגקייט. א DRE באקומט ברייטע טרענירונג וואס איז געווארן באשטעטיגט דורך דער נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע און דער אינטערנאציאנאלע אסאסיעשען פון פאליציי שעפס. די טרענירונג ערמעגליכט פאר אפיצירן צו אבזערווירן און דאקומענטירן צייכנס און סימנים פון אומפעאיגקייט אינערהאלב יעדע פון זיבן דראָג קאטעגאריעס אריינגערעכנט אומלעגאלע און פרעסקריפשען מעדיצינען.

דער GTSC קאארדינירט אויך פארשידענע טראפיק זיכערהייט אקטיוויטעטן דורכאויס דעם יאר, און שטיצט אנגייענדע אונטערנעמונגען צו פארבעסערן פוסגייער, מאטארציקל, און ביציקל זיכערהייט. דער GTSC ספאנסירט אויך קריטישע טרענירונג פאר געזעץ אינפארסירער, באזארגט רעסורסן פאר יוגנטליכע דרייווערס און זייערע עלטערן, און הייבט סיעטבעלט באניץ לענגאויס דעם סטעיט.

ניו יארקער וועלכע ראנגלען זיך מיט אן עדיקשען, אדער וואס האבן באליבטע וואס ראנגלען זיך, קענען געפונען הילף און האפענונג דורך רופן דעם סטעיט׳ס טאָל-פרי האָפּ-ליין 24 שעה א טאג און 7 טעג א וואך אויף 8-HOPENY-1-877 (אדער 1-877-846-7369) אדער דורך טעקסטן HOPENY (שאָרט-קאָוד 467369).

עדיקשען באהאנדלונגען, אריינגערעכנט קריזיס / דיטאָקס, אינפעישענט, קאמיוניטי וואוינונג, אדער אוטפעישענט קעיר, קען מען געפונען דורך ניצן דעם NYS OASAS ׳פאראנענע באהאנדלונג דעשבאָורד׳ ביי FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך דער NYS OASAS וועבזייטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער GTSC, באזוכט https://trafficsafety.ny.gov/, אדער פאלגט נאך דעם GTSC געשפרעך אויף פעיסבוק און טוויטער.

פאר מער אינפארמאציע איבער DMV, באזוכט dmv.ny.gov, אדער פאלגט נאך דעם DMV געשפרעך אָנליין ביי פעיסבוק, טוויטער און אינסטעגרעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418